# דער ייִדישער טעם-טעם

**אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש-לערנערס**

יאָר 1, נומער 1 — תּישרי תּשנ״ו / אָקטאָבער 1995

אונדזער לייט-אַרטיקל[1]

## פֿאַר וואָס אַ זשורנאַל ?

אַ נייַע צייַטשריפֿט אויף ייִדיש בייַם סוף פֿון 20סטן יאָרהונדערט איז עפּעס אַ צולהכעיס[2]. שרייַבן - און לייענען - אין אַזאַ שפּראַך. וואָס האָט מען דערפֿון?

נו, גוט... אפֿשר איז די דאָזיקע אונטערנעמונג[3] אַ צולהכעיסדיקע. צו להכעיס[4] יענע וואָס טענהען[5] אַז די ייִדישע שפּראַך האָט נישט קיין צוקונפֿט.

די אידעע פֿון שאַפֿן „דער ייִדישער טעם-טעם" איז נישט אַרויסגעשפּרונגען פֿון די קעפּ פֿון ייִדיש-פֿאַנאַטיקער. זי איז להפֿוך[6] געקומען פֿון די סטודענטן פֿון די ייִדישקורסן, וואָס האָבן געפֿאָדערט[7] אַ צייַטשריפֿט פֿאַר זייער ניוואָ: אַ דידאַקטיש חודש-בלאַט.

„דער ייִדישער טעם-טעם" האָט טאַקע אַ ספּעציפֿישן ציל : עס זאָל זייַן אַ זשורנאַל פֿאַר מענטשן וואָס לערנען זיך ייִדיש. און דער זשורנאַל וועט אפֿילו געשריבן ווערן דורך „זשורנאַליסטן" וואָס ייִדיש איז נישט זייער מוטערשפּראַך. אַמאָל האָבן זיי זיך געלערנט ייִדיש – און לערנען זיך נאָך... און אַזוי גייט ווייטער די גאָלדענע קייט[8] פֿון דער ייִדיש-טראַדיציע.

1) éditorial ; 2) TSULEAKHES provocation ; 3) entreprise ; 4) pour agacer ; 5) TAYNEN affirmer ; 6) LEHEYPEKH au contraire ; 7) réclamer ; 8) chaîne

## פֿאַר וואָס אַ טעם-טעם?

פֿאַר וואָס האָבן מיר אויסגעטראַכט אַזאַ נאָמען פֿאַר דעם זשורנאַל ?

- ערשטנס, ווייַל מיר ווילן עס זאָל זייַן אַ מין „טאַמטאַם" , ווי די טאַמטאַמס אין אַפֿריקע, אַן אמתדיק[1] קאָמוניקאַציע-מיטל, אַז ייִדיש-תּלמידים זאָלן קענען לייענען אַרטיקלען געשריבן הייַנט אויף הייַנטיקע טעמעס.

- צווייטנס, ווייַל מיר ווילן אַז עס זאָל האָבן אַ ייִדישן טעם[2] (וואָס איז אַ ייִדישער טעם קענט איר אַליין זאָגן...)

און דריטנס, אַזוי ווי מיר וועלן דאָ שפּילן מיט ווערטער, פּאַסט[3] עס דאָך אַז מיר זאָלן אָנהייבן מיט אַ ווערטערשפּיל. אַ טאַמטאַם מיט אַ ייִדישן טעם = „דער ייִדישער טעם-טעם" !

1) EMESDIK véritable ; 2) TAM goût ; 3) convenir פּאַסן

## נייַעס פֿון אָקספֿאָרד

אַז איך דאַרף זייַן אַ שליח[1], לאָמיך פּרוּוון ווי עס לאָזט זיך. צו דערציילן וועגן דער זומער-פּראָגראַם אין אָקספֿאָרד האָב איך אָן אַ שיעור[2]. אָבער וואָס טויג די לייענער מייַן פּלוידערייַ[3] קורץ, קאָן איך זאָגן אַז מענטשן וואָס האָבן ליב צו האָרעווען[4] און זיך אָנשטאָפּן אַ פֿולן קאָפּ מיט ייִדיש זייַנען דאָרט אָנגעלייגטע געסט.

פֿון 9 אַ זייַגער ביז 1 אַרבעטן מיר מיט די לערערס. מע לייענט אַ סך, מע רעדט וועגן פֿאַרשידענע ענינים[5]. און מע קען זאָגן אַז די זעלבע פּאָרציע אַרבעט וואַרט אויף אונדז בייַ נאַכט: אַזוי ווי אין שול באַקומט מען דאָ היימאַרבעט.

אָבער פֿילע פֿון אַלע עקן, איך פֿאַרגעס אייַך נישט. אָקספֿאָרד איז אַ קליינטשינקע אָבער אַ שיינע שטאָט, און עס זענען דאָרטן פֿאַראַן פֿאַרשידענע זאַכן פֿאַר אַלע טעמען[6]: גרויסע פּאַרקן, מען קאָן שווימען אין דער טעמזע (דאָרט אַ ביסל קאַלט). נאָך אַ מעלה[7] איז דאָס, וואָס לאָנדאָן איז נישט מער ווי איין שעה פֿאָרן מיט דער באַן.

איך הער שוין אַז איר ווילט וויסן וואָס מען לערנט און דאָס איז אויך נישט קיין סוד[8]. אַלע מדרגות[9] האָבן עפּעס אַריבערצושטייַגן[10]. מע באַקענט זיך מיט די ווערק פֿון אַ סך שרייַבער. אָבער מע לאָזט נישט אָפּ גראַמאַטיק און געשיכטע. נאָך מיטאָג זענען דאָ באַגעגענישן, שמועסקלאַסן, רעפֿעראַטן. טייל מאָל

סוף אויף זייַט 4

יום-טובֿדיקע[1] טעג

## ראָש השנה[2]

ראָש השנה מיינט אָנהייב פֿון יאָר. אין דעם טאָג הייבט זיך אָן בײַ ייִדן דאָס נײַע יאָר. שנה טובֿה[3] – אַזוי הייסן די בריוולעך וואָס ייִדן שיקן איינער דעם צווייטן – מיינט אַ גוט יאָר. ראָש השנה רופֿט מען אויך יום-הזכּרון[4], יום-תּרועה[5] און יום-הדין[6].

מע רופֿט אים יום-הזכּרון ווײַל אין דעם טאָג דערמאָנען זיך די ייִדן זייערע חטאים[7] און גרייטן זיך צו תּשובֿה[8] און מחילה[9].

מע רופֿט אים יום-תּרועה ווײַל אין דעם טאָג בלאָזט מען שופֿר[10] אין די שולן, אפֿשר כּדי אויפֿצוּוועקן די פֿאַרשלאָפֿענע געוויסנס, זיכער – צו דערמאָנען אבֿרהם אָבֿינו[11] וואָס האָט געפֿאָלגט גאָט און איז געווען גרייט צו ברענגען זײַן זון יצחקן פֿאַר אַ קרבן[12]. אַ באַראַן[13] איז געשאָכטן געוואָרן אויף יצחקס אָרט, דערפֿאַר איז דער שופֿר טאָקע געמאַכט פֿון אַ באַראַן-האָרן. דאָס קול פֿונעם שופֿר האָט מען אויך געהערט ווען גאָט איז נתגלה[14] געוואָרן אויפֿן באַרג סיני.

מע רופֿט אים יום-הדין ווײַל אין דעם טאָג עפֿנט גאָט דרײַ ספֿרים[15]. אינעם ערשטן ספֿר[16] שרײַבט גאָט אַרײַן די צדיקים[17] וואָס וועלן בלײַבן לעבן. אינעם צווייטן ספֿר שרײַבט גאָט אַרײַן די רשעים[18] וואָס וועלן שטאַרבן פֿאַרן סוף יאָר. אינעם דריטן ספֿר שרײַבט גאָט אַרײַן יענע, וואָס זייער גורל[19] איז נאָך אומזיכער ביז נאָך יום-כּיפּור. ערשט דעמאָלט וועט גאָט זיי אַרײַנשרײַבן צום לעבן אָדער צום טויט.

1) YONTEVDIKE ; 2) ROSH HASHONE ; 3) SHONE TOYVE ; 4) YOM HAZIKORN ; 5) YOM TRUE ; 6) YOM HADiN ; 7) KHATOIM péchés ; 8)TSHUVE repentir 9) MEKHILE pardon ; 10) SHOYFER shofar ; 11) AVROM OVINU le patriarche Abraham ; 12) KORBN sacrifice ; 13) bélier ; 14) NISGALE se révéler ; 15) SFORIM livres ; 16) SEYFER livre ; 17) TSADIKIM les justes ; 18) RESHOIM les méchants ; 19) GOYRL destin



## יום-כּיפּור

די צען טעג פֿון ראָש השנה ביז יום-כּיפּור רופֿט מען ימים-נוראָים[1]. אין די טעג שלאָגט מען זיך על-חטא[2]. צעקריגטע[3] חבֿרים מוזן זיך איבערבעטן, מע מוז אויך מוחל[4] זײַן די עוולות[5] און בעטן מחילה. כּדי צו באַווײַזן גוטן ווילן מוז מען פֿאַסטן אַ גאַנצן מעת-לעת[6], פֿון זון-אונטערגאַנג ביז קומענדיקן זון-אונטערגאַנג. אפֿילו אַ ברעקעלע טאָר מען ניט עסן, אפֿילו אַ טראָפּן וואַסער טאָר מען ניט טרינקען. און ווען עס קומט די נאַכט הערט מען נאָך אַ מאָל שופֿר בלאָזן. אַלץ איז אָנגעשריבן ביזן קומענדיקן יום-כּיפּור.

ווערטל : אַן אָקס האָט אַ גרויסע צונג און קען קיין שופֿר נישט בלאָזן.

1) YOMIM NOROIM les dix jours de pénitence ; 2) AL KHET זיך שלאָגן על-חטא se battre la coulpe ; 3) brouillés ; 4) MOYKHL מוחל זײַן pardonner ; 5) AVLES torts ; 6) MES-LES 24 heures

וווּ לערנט מען ייִדיש אין פּאַריז ?

VU LERNT MEN YIDISH IN PARIZ ?



# אַ טעאַטער




ליטעראַרישע בלעטעלעך

## דאָס לעבן איז אַוועק אין טעאַטער

(משה נאַדיר - „פֿון מענטש צו מענטש", קאַפּיטל XXXIII)

דאָס לעבן האָט זיך אויסגעבונדן דעם קראַוואַט, זיך באַשפּריצט[1] מיט קעלניש וואַסער[2] און איז אַוועק זען אַ טעאַטער-שטיק. דאָס לעבן האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ לאַזשע, אָנגעטאָן די ברילן (דאָס לעבן איז אַ ביסל קורצזיכטיק[3]) און גענומען באַטראַכטן די סצענע. אין ערשטן אַקט איז געווען אַ זעלטענער יום-טובֿ[4] אויף דער בינע. אַזאַ יום-טובֿ וואָס דאָס לעבן האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען. דאָס לעבן איז געוואָרן פֿאַראינטערעסירט און האָט זיך ווײַטער צוגעקוקט. עס זײַנען אַרויסגעקומען די ליבהאָבער און גערעדט אַזוינע רייד, וואָס דאָס לעבן האָט אַזוינס נישט געהערט זינט סע לעבט. דאָס לעבן האָט זיך אַריבערגעבויגן[5] איבער דער לאָזשע און נישט געוואָלט פֿאַרלירן אַ וואָרט. גאָט מײַנער! ווען האָט דאָס לעבן געהערט אַזוינע רייד? פֿאַר אים, פֿאַר דעם לעבן, איז אַלצדינג געווען שפּאָגל נײַ[6].

אין צווייטן און אין דריטן אַקט זײַנען פֿאָרגעקומען אַזוינע אָריגינעלע אומגליקן, אַז דאָס לעבן האָט אַראָפּגענומען די ברילן און זיי אויסגעווישט[7], כּדי[8] עס זאָל בעסער זען. עס האָט זיך צוגעבויגן נענטער און אָנגעשטרענגט[9] די אויגן אויף די אַקטיאָרן, וואָס האָבן גערעדט וואָס דאָס לעבן האָט נאָך קיין מאָל נישט געהערט. עס איז געוואָרן פֿאַרכאַפּט[10] פֿון דער האַנדלונג[11] פֿון דעם שטיק. קיין מאָל, אין קיין שום[12] אָרט און אין קיין שום צײַט, האָט דאָס לעבן נישט געזען אַזוינע האַנדלונגען פֿון מענטשן ווי עס האָט געזען אין טעאַטער. דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן אויפֿן לעצטן אַקט. דאָס לעבן האָט זיך אויפֿגעשטעלט, געפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן בראַוואָ.

אַז דאָס לעבן איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דער פֿאָרשטעלונג[13], איז שוין געווען גענוג שפּעט. עס האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער: האַלב נאָך צוועלף. דאָס לעבן האָט גענומען איבערטראַכטן אַלצדינג וואָס עס האָט געזען הײַנט בײַ נאַכט אין טעאַטער און עס פֿאַרגלײַכן[14] מיט זיך אַליין, און עס איז געקומען צום שלוס[15] אַז דאָס לעבן ווייסט גאָרנישט ווי אַזוי צו לעבן און עס דאַרף זיך פֿון צײַט צו צײַט אַרײַנכאַפּן[16] אין טעאַטער און זען ווי אַזוי מענטשן האַנדלען בײַ ענלעכע געלעגנהייטן[17].

און פֿון דעמאָלט אָן גייט ס'לעבן רעגלמעסיק[18] אין טעאַטער אַרײַן און עס לערנט זיך דאָרט מאַנירן און גענג[19] און זשעסטן. און וואָס אַ טאָג ווערט דאָס לעבן אַלץ אינטערעסאַנטער, אַלץ געשליפֿענער[20], אַלץ טעאַטראַלישער.

1) asperger (באַשפּריצן); 2) eau de Cologne; 3) myope; 4) YONTEV; 5) se pencher au dessus (זיך אַריבערבייגן); 6) flambant neuf; 7) essuyer (אויסווישן); 8) KEDEY - pour que; 9) écarquiller, forcer (אָנשטרענגען); 10) captivé; 11) action; 12) aucun (plus fort que קיין); 13) spectacle; 14) comparer; 15) conclure (קומען צום שלוס); 16) faire un saut; 17) occasion; 18) regulièrement; 19) manières d'agir (sing: דער גאַנג); 20) raffiné, aiguisé (du verbe שלײַפֿן)



זען משה נאַדירס ביאָגראַפֿיע אויף זײַט 4

# קעסטלשפּיל

א. אָנהייב פֿונעם ייִדישן יאָר \ אַ סך וואַסער וואָס שטילט נישט דעם דורשט. ב. פֿון אַ קאַץ אָדער פֿון דער וועלט \ נישט געקאָכט. ג. מיט פֿאַרגעניגן \ אַנטקעגן דעם צפֿון. ד. גרויסער מאַרק \ נישט ניין \ „אַלף" אויף לשון־קודש. ה. די שטאָט פֿון די חכמים. ו. מע שטעלט עס ווען מע גייט \ די מוטער חווה האָט אים געגעסן. ז. נאָך מער ווי אַ נויט \ זי איז אויך אַ מענטש! ח. אַ מין בהמה \ אונדזער פּלאַנעט.

1. זינט מײַ האָבן די פֿראַנצויזן אַ נײַע. 2. ער טויג צו באַאַרבעטן די ערד. 3. נישט פֿאַלש. 4. 10 מאָל 10. 5. נישט רעכט. 6. וואָס טוט אַ נודניק. 7. אַרום אַ בילד. 8. מע זוכט זי נאָך נומער 10 \ כּבֿוד אָדער עפּאָכע. 9. דער הייליקסטער טאָג פֿונעם יאָר. 10. קליין וואָרט פֿאַר גרויסע אָנשטרענגונגען \ מע קען עס אי זינגען אי זאָגן.




אָקספֿאָרד – סוף פֿון זײַט 1

אָוונטן מיט ייִדיש־פֿילמען.

אַלץ איז מיט ייִדיש באַפּעפּערט. מענטשן פֿון אַלע געגנטן טרעפֿן זיך און האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה[11]: רעדן ייִדיש.

מער קאָן איך נישט זאָגן. איר מוזט קומען און האָפֿן אַז גאָט וועט אײַך געבן גענוג שׂכל[12] און אַ געזונטן מוח[13].

נ"ב : אַ פּראָגראַם קענט איר באַקומען אין דער מעדעם ביבליאָטעק.

**חנהלע**

1) SHELIEKH messager ; 2) ON A SHIR sans limite ; 3) bavardage ; 4) trimer ; 5) INYONIM sujets (sing. ענין INYEN ; 6) TAMEN goûts ; 7) MAYLE avantage ; 8) SOD secret ; 9) MADREYGES niveaux ; 10) surmonter ; 11) BREYRE alternative ; 12) SEYKHL bon sens ; 13) MOYEKH cerveau, tête.

## צו די לייענערס

מיר ווילן אַז דאָס זאָל זײַן אײַער זשורנאַל. מיט רובריקן וואָס איר ווילט לייענען.
שרײַבט אונדז אַ בריוועלע. דערציילט אונדז וואָס עס געפֿעלט אײַך און וואָס ניט אין אָט דעם ערשטן נומער. און וואָס איר וואָלט געוואָלט געפֿינען אין די קומענדיקע אויסגאַבעס.
שרײַבט אויפֿן ווײַטערדיקן אַדרעס :

A.E.D.C.Y. - Der Yidisher Tamtam
B.P. 720
75163 Paris CEDEX 04



# משה נאַדיר

(פּסעוודאָנים פֿון יצחק רײַז) (1885 - 1943)

ייִדיש־שרײַבער, מחבר[1] פֿון פֿעליעטאָנען, מיניאַטורן, הומאָרעסקעס, סאַטירעס, עסייען, רעצענזיעס, א"אַ[2] שריפֿטן.

אין עלטער פֿון 13 יאָר געקומען פֿון מיזרח־גאַליציע קיין אַמעריקע, ווו נאָכן לערנען אין ענגלישע שולן האָט ער זיך גענומען צו פֿאַרשיידענע אַרבעטן. אַרום 1902 האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן און דרוקן אין ניו־יאָרקער ייִדישע צײַטשריפֿטן. אין 1915 איז אַרויס זײַן ערשט בוך: „ווילדע רויזן" (עראָטישע מיניאַטורן). מיטאַרבעטער פֿון די צײַטשריפֿטן „אידישע וועלט" און „טאָג" ווו ער האָט געדרוקט זײַנע ליריש־פֿילאָזאָפֿישע מיניאַטורן „פֿון מענטש צו מענטש", פֿול מיט הומאָר און וואָרטשפּיל. ביז 1939 (ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו פּאַקט) פֿאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער צײַטונג „פֿרײַהײַט", ווו ער האָט געשריבן די פֿעליעטאָנען „פֿון נעכטן ביז מאָרגן". האָט איבערגעזעצט אויף ייִדיש די ווערק פֿון פֿאַרשיידענע שרײַבער, צווו"אַ[3] אַנאַטאָל פֿראַנס.

1) MEKhABER - auteur; 2) און אַנדערע (3 ;צווישן אַנדערע

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :
אַניק, דאַניעל, זשיל, חנהלע, נאַטאַליאַ, רובי